**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:50
מוצאי שבת קודש............8:22

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................דניאל י"א
בבלי......................מנחות ס"ט
ירושלמי.................קידושין ו'
תוספתא...................שבת ו'
רמב"ם.........עבודת כוכבים י"א

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ויקרא, ג' ניסן, שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 25 (743)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר, רַשִׁ"י זָאגְט אַז דֶער קוֹל אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי אוֹיעֶרְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעהֶערְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דִי שֵׂכֶל פוּן יֶעדֶע זַאךְ. דָאס מֵיינְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט צוּלֵייגְן קָאפּ, וֶועט עֶר בַּאמֶערְקְן, וִוי אַלֶע זַאכְן וָואס פַּאסִירְן אַרוּם אִים, זֶענֶען רְמָזִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ אִים. וַוייל אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דָאךְ דִי וֶועלְט, מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג רְמָזִים פַארְן מֶענְטְשׁ, אִים מְקָרֵב צוּ זַיין צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט צוּם מֶענְטְשׁ, "קוּם צוּ מִיר", "רֶעד צוּ מִיר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיב יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן עֶר וִויל אִים נָאר מְקָרֵב זַיין צוּ זִיךְ, אוּן אִים הֶעלְפְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט שְׁטֶענְדִיג צוּ יֶעדְן אִיד, דוּרְךְ דִי רְמָזִים וָואס עֶר שִׁיקְט אִים, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ לֵייגְט צוּ קָאפּ דֶערְצוּ, דַאן, "וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייטֶער רֶעדְן צוּ אִים, אוּן אִים מְקָרֵב זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּקְרָא א)

וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה, דָאס וָוארְט "וַיִּקְרָא" שְׁטֵייט מִיט אַ קְלֵיינֶע אַלֶף. מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין יִסוּרִין, סַיי גֵייסְטִישֶׁע יִסוּרִים הָאט עֶר זִיכֶער נִישְׁט, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אוּן אֲפִילוּ פִּיזִישֶׁע יִסוּרִים וָואס דָאס מוּז מֶען פִילְן, אִיז עֶס אָבֶּער אוֹיךְ אַסַאךְ גְרִינְגֶער, וַוייל לְמַעֲשֶׂה וֵוייסְט עֶר אַז עֶס קוּמְט אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה. ווִידֶער אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים יִסוּרִים, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, אוּן הָאט נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "וַיִּקְר", אָן דִי אַלֶף, מֵיינְט "עֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גְרוֹיסֶע צָרוֹת, אָבֶּער וֶוען מֶען לֵייגְט אַרַיין דֶעם קְלֵיינֶעם אַלֶף, דָאס מֵיינְט דֶעם "אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם" - דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט אִיז עֶס "וַיִּקְרָא" - "עֶר הָאט גֶערוּפְן", עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט אִים, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער צָרוֹת, הָאט עֶר נָאר אֵיין עֵצָה, צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דַאן וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּקְרָא ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לַיידְן זִיךְ, לַיידְן יֶענֶעם

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק, דֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע, אוּן עֶר הָאט גֶעוֵויינְט פַארְ'ן צַדִיק אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין הַארְץ אַז עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע אוּן שְׁוֶוערֶע עֲבֵירוֹת, אוּן עֶר וִויל דֶער צַדִיק זָאל אִים גֶעבְּן אַ תִּיקוּן.

דֶער צַדִיק הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַיין תִּיקוּן אִיז אַז יֶעדְן טָאג וֶוען דוּ גֵייסְט עֶסְן, זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגְרֵייטְן אַ גְרוֹיסֶע פֵיינֶע סְעוּדָה, דִי בֶּעסְטֶע בְּרוֹיטְן, פֵיינֶע פִישׁ אוּן פְלֵיישׁ, טֵייעֶרֶע וַויין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע גוּטֶע מַעֲדַנִים".

דֶער עוֹשֶׁר הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער צַדִיק מַאכְט חוֹזֶק פוּן אִים, הָאט עֶר צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: "דָאס אִיז אַ תִּיקוּן?!... אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי וֶועט מִיר גֶעבְּן אַ תִּיקוּן צוּ פַאסְטְן פִילֶע תַּעֲנִיתִים אָפְּצוּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת". הָאט אִים דֶער צַדִיק עֶרְקְלֶערְט: "אוֹיבּ וֶועסְטוּ עֶסְן יֶעדְן טָאג פֵיינֶע סְעוּדוֹת

<<<<<<

## א גוטווארט

דִי עֵצָה צוּ מְבַטֵל זַיין שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת; גַאֲוָה וְכַדוֹמֶה - אִיז צוּ רֶעדְן וִוי מֶער פוּן אֱמוּנָה; וִוי מֶער מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי מֶער מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פַאלְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ.

דָאס הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶועז צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; נָאר רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ מְבַטֵל זַיין. עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מְבַטֵל זַיין דִי גַאֲוָה; אָדֶער זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי שְׁלֶעכְטְס, אָדֶער רֶעדְן אַזוֹיפִיל פוּן אֱמוּנָה בִּיז עֶס וֶוערְט אַזוֹי לִיכְטִיג אַז אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פַאלְט אַוֶועק. עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי מַרְאֶה פוּן יְחֶזְקֵאל הַנָבִיא (יְחֶזְקֵאל מג, ב): "וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ" — דִי וֶועלְט אִיז לִיכְטִיג גֶעוָוארְן פוּנֶעם כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט לִיכְטִיג אוּן עֶס פַאלְן אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת וְכוּ'.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּקְרָא תשפ"ו)

**אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# פְּחָדִים און שְׁרֶעק

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ו אָדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

פַאר אַלֶע פְּחָדִים און שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחְשָׁבוֹת אִיז דִי עֵצָה צוּ דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וִוי מֶער מֶען טוּט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער וֶוערְט דִי מֹחַ מַחְשָׁבָה מְיוּשָּׁב און מְסוּדָּר, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי שְׁרֶעק.

[בַּאזוּנְדֶער פַאר תּוֹשְׁבֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; יֶעצְט אִין דִי צַייט וָואס עֶס קוּמְט פָאר דִי מִלְחָמָה מִיט אִירַאן, און עֶס פְלִיעֶן בָּאמְבֶּעס אוֹיךְ פוּן לְבָנוֹן, וָואס חִיזְבַּאלַא שִׁיסְן, און עֶס פַּייפְט כְּסֵדֶר, און דִי קִינְדֶער מִיט דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן צֶעטוּמְלְט פוּן דַארְפְן לוֹיפְן אִין דִי שׁוּץ צִימֶער, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אֲפִילוּ בִּשְׁעַת עֶס פַּייפְט און מֶען גֵייט זִיךְ בַּאשִׁיצְן - זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען צוּ דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס גֶעבְּט מוֹחִין, דָאס גֶעבְּט שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶועןְ].

קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע; דִי לֶעבְּן אִיז נִישְׁט קַיין פַארְמֶעסְט וֶוער קֶען מֶער וְכוּ' און וֶוער אִיז מֶער וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין וֶועג, און אִין הִימְל קוּקְט מֶען אַרַיין אִין הַארְץ, זֶען וֶוער הָאט גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, וֶוער מֵיינְט אֱמֶת'דִיג. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶעם דֶרֶךְ הַתָּם, דֶער תָּם פְלֶעגְט זָאגְן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט, פוּנֶעם חָכָם וְתָּם): "דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה און דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה, און וָואס דַארְף אִיךְ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע"; עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ, וִויפִיל עֶר פַארְדִינְט, און אַזוֹי וַוייטֶער.

מֶען הָאט הַיינְט אָנְגֶעהוֹיבְּן סֵפֶר וַיִּקְרָא, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה, לֶערְן יֶעדְן טָאג שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם. טֵייל עֶס אַיין לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען רַשִׁ"י, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם צַדִּיקִים: "אַז מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן נִכְשָׁל וֶוערְן אִין עֲבֵירוֹת, אוֹיךְ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין אִין רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ'ס הֵיכָל".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט**
**הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּקְרָא תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

**טו. הַמַּלְבּוּשִׁין שֶׁעוֹשִׂין לַצַּדִּיק, כָּל מַלְבּוּשׁ יֵשׁ לוֹ סְגֻלָּה בִּפְנֵי עַצְמוֹ לְכַפֵּר.** וֶוען מֶען מַאכְט קְלֵיידֶער פַאר אַ צַדִּיק, הָאט יֶעדֶע קְלֵייד אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סְגוּלָה אוֹיף וָואס עֶס פַארְצֵייעֶט.

**טז. כֵּיוָן שֶׁנָּשָׂא אָדָם אִשָּׁה, עֲווֹנוֹתָיו מִתְפַּקְקִין.** וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה, גֵייעֶן אַוֶועק זַיינֶע עֲבֵירוֹת.



מִיט גוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶוען אַן אָרִימַאן וֶועט קוּמֶען בֶּעטְן צְדָקָה בַּיי דַיין טִיר וֶועסְטוּ אִים כָאטְשׁ גֶעבְּן אַבִּיסְל טְרוּקֶענֶע בְּרוֹיט מִיט וַואסֶער. אוֹיבּ אָבֶער וֶועסְטוּ יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן צוּ פַאסְטְן, דַאן וֶועסְטוּ זָאגְן פַאר'ן אָרִימַאן עֶר זָאל גֵיין עֶסְן שְׁטֵיינֶער... אוֹיבּ אַזַא גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר פַאסְט, דַארְף דָאךְ דֶער אָרִימַאן זִיכֶער נִישְׁט עֶסְן"...

וָואס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי מַעֲשֶׂה? אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז גוּט צוּ זִיךְ אַלֵיין, דַאן אִיז עֶר אוֹיךְ גוּט צוּ אַ צְוֵוייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קְלַאפְּט זִיךְ אַלֵיין אַרָאפּ, עֶר אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דַאן אִיז עֶר אוֹיךְ בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט לַיידְן, דֶער קֶען נִישְׁט לַיידְן אַ צְוֵוייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוֹיפְט זִיךְ אָבֶּער אַיין גוּטֶע מִדּוֹת, עֶר וֶוערְט אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, דַאן אִיז עֶר גוּט סֵיי פַאר זִיךְ אַלֵיין און סֵיי פַאר אַנְדֶערֶע אַרוּם אִים.

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (וַיִּקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה ל"ד, ג') וֶוען הִלֵּל הַזָּקֵן פְלֶעגְט שְׁפַּאצִירְן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן זֵיי צוּ גֵיין זַיין וֶועג, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט וואוּ עֶר גֵייט יֶעצְט, הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר גֵייט טוּן חֶסֶד מִיט אַ גַאסְט בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, הָאבְּן זֵיי צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: "יֶעדְן טָאג הָאט דֶער רֶבִּי אַן אוֹרֵחַ אִינְדֶערְהֵיים?" הָאט הִלֵּל הַזָּקֵן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "און מַיין אָרִימֶע זֶעל אִיז דֶען נִישְׁט קַיין גַאסְט?... הַיינְט אִיז זִי דָא, און מָארְגְן אִיז זִי שׁוֹין נִישְׁטָא"...

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶעם גוּף און אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה, נִישְׁט זַיין קַיין אַכְזָר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית י"א:) אַז אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, טָאר נִישְׁט פַאסְטְן, און אוֹיבּ פַאסְט עֶר הָאט עֶר אַן עֲבֵירָה. אַנְשְׁטָאט צוּ פַאסְטְן זָאל עֶר נוּצְן זַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען און מְקַיֵּים זַיין מִצְוֹת. און חֲזַ"ל זָאגְן דָארְט אַז אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס פַאסְט, זָאל אַ הוּנְט אוֹיפְעֶסְן זַיין סְעוּדָה.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען ס'אִיז דָא אַ קְלֵיינֶער לָאךְ אִינֶעם גוּף, אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער לָאךְ אִין דִי נְשָׁמָה". וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְסַגֵּף דֶעם גוּף, עֶר וֶוערְט קְרַאנְק און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, דַאן וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער לָאךְ אִין זַיין נְשָׁמָה, עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה און מַעֲרִיב, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען, עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט טוּן קַיין מִצְוָה, עֶר לִיגְט אִין בֶּעט וִוי אַ טוֹיטֶער, וָואס הָאט עֶר פַארְדִינְט דֶערְפוּן?

אַ אִיד דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן זַאכְן וָואס קֶענֶען אִים שֶׁעדִיגְן, אַ אִיד דַארְף זִיךְ אַלֵיין לִיבּ הָאבְּן, אַ אִיד דַארְף רַחֲמָנוּת אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דַאן וֶועט עֶר קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, און עֶר וֶועט אוֹיךְ לִיבּ הָאבְּן און רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, און נָאר זוּכְן צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן יֶעדְן וָואס שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ב עֶרֶךְ טוֹב)

## שְׁמוּעֶסְן און גֶעדַאנְקֶען

דֶער נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, "נַחְמָן", אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "פֶּסַח", וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען יֶעדְן אִיד פוּן מִצְרַיִם, דָאס הֵייסְט פוּן זַיין "מֵיצַר", פוּן זַיין עֶנְגְשַׁאפְט, פוּן זַיין אֵייגֶענֶעם גָלוּת אִין וָואס עֶר לִיגְט אִינֶעם "מֵיצַר יַם", זַיין מֹחַ אִיז צֶעדְרוּקְט.

אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן מִצְרַיִם דוּרְךְ "פֶּה סָח", דוּרְכְ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיךְ אוֹיס, אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אוּנְזֶער שְׁפְּרַאךְ, און דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן מִיר אַלֶע וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת, סֵיי פוּן יֶעדְנְ'ס אֵייגֶענֶע פְּרִיוַואטֶע גָלוּת, און פוּן דִי גְרוֹיסֶע גָלוּת. (אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן ב')

# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רמד)

**תשצט**

פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער שׁוֹחֵט פוּן טֶעפְּלִיק גֶעבְּרֶענְגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכְן בֶּענְקְל, וָואס עֶר הָאט אַלֵיין גֶעמַאכְט גָאר שֵׁיין אוּן זֵייעֶר פַאכְמַאנִישׁ. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "וִוי לַאנְג דִיר גֶענוּמֶען דָאס צוּ מַאכְן?", הָאט דֶער שׁוֹחֵט גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אַ הַאלְבֶּע יָאר", הָאט אִים דֶער רֶבִּי ווִידֶער גֶעפְרֶעגְט, "אַ גַאנְצְן טָאג הָאסְטוּ נָאר דָאס גֶעמַאכְט?", הָאט דֶער שׁוֹחֵט גֶעזָאגְט, "נֵיין, אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף דֶעם יֶעדְן טָאג פַאר אֵיין שָׁעָה", וַוייל דֶער בֶּענְקְל אִיז גֶעוֶוען גָאר שֵׁיין, אוֹיסְגֶעצִירְט מִיט זֵייעֶר שֵׁיינֶע שְׁנִיצֶערֵייעֶן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אַזוֹי?! הָאסְטוּ מִיר אִינְזִין גֶעהַאט אַ הַאלְבֶּע יָאר, אַ שָׁעָה יֶעדְן טָאג".

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי חָשׁוּב דֶער בֶּענְקְל בַּיים רֶבִּי'ן, וִוי דָאס אַז עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַ שָׁעָה יֶעדְן טָאג. דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אַז אֵיינֶער זָאל טְרַאכְטְן פוּן אִים יֶעדְן טָאג פַאר אַ שָׁעָה.

טֵייל זָאגְן אַז דֶער בֶּענְקְל וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִינֶעם בְּרֶסְלֶב'עֶר שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז דֶער בֶּענְקְל, אוּן אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז דֶער בֶּענְקְל פוּנֶעם שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז דֶער בֶּענְקְל פוּן רֶבִּי'ן וָואס פְלֶעגְט זַיין אִין שְׁטָאט טְשֶׁערִין, וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן אוֹיף דֶעם בֶּענְקְל וֶוען עֶר פְלֶעגְט אַהִינְקוּמֶען.

**תתת**

נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם בֶּענְקְל פוּנֶעם שׁוֹחֵט פוּן טֶעפְּלִיק, הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען, אִין אַ מַרְאֶה אָדֶער אִין חָלוֹם, אַז מֶען הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַ בֶּענְקְל, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פֵייעֶר אַרוּם אוּן אַרוּם, אוּן דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז גֶעגַאנְגֶען עֶס זֶען, מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען קוּקְן אוֹיף דֶעם בֶּענְקְל, אוּן וֶוען מֶען אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִיז גְלַייךְ גֶעוָוארְן שִׁידוּכִים צְווִישְׁן זֵיי. אוּן אוֹיךְ אַלֶע מַנְהִיגִים פוּנֶעם דוֹר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען עֶס זֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט וַוייטֶער דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט, "וִוי וַוייט אִיז עֶס? אוּן פַארְוָואס וֶוערְן גְלַייךְ נָאכְדֶעם שִׁידוּכִים?", אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען זֵיי אַלֶע צוּ קֶענֶען אַהִינְגֵיין. אִינְצְווִישְׁן הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אוֹיבּ עֶר זָאל בְּלַייבְּן דָארְט אָדֶער זָאל עֶר צוּרִיק גֵיין, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מְסוּפָּק אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאשְׁלִיסְן וָואס צוּ טוּן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז מִיט דֶעם שְׁוַואכְן גוּף וָואס עֶר הָאט, פַארְוָואס זָאל עֶר צוּרִיקְגֵיין?

דֶער רֶבִּי פָארְגֶעזֶעצְט אוּן דֶערְצֵיילְט, "אִיךְ בִּין דָארְט גֶעוֶוען, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם בֶּענְקְל, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דָארְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה מַמָּשׁ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יוֹם כִּיפּוּר - יוֹם כִּיפּוּר מַמָּשׁ, אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי סוּכּוֹת - סוּכּוֹת מַמָּשׁ. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן 'חָדְשֵׁיכֶם וּמוֹעֲדֵיכֶם שָׂנְאָה נַפְשִׁי (יְשַׁעְיָה א', י"ד), וָואס הָאבְּן עֶנְק צוּ מִשְׁפָּט'ן דִי וֶועלְט? זָאל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַלֵיין מִשְׁפָּט'ן!', אוּן אַלֶע זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע מַנְהִיגֵי הַדּוֹר זֶענֶען אַלֶע אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט".

וַוייטֶער הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דָארְט וִוי עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף דֶעם בֶּענְקְל דִי צוּרוֹת פוּן יֶעדְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, יֶעדֶער אִיז דָארְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט צוּזַאמֶען מִיט זַיין שִׁידוּךְ, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז גְלַייךְ גֶעוָוארְן שִׁידוּכִים, וַוייל יֶעדֶער הָאט זִיךְ דָארְט גֶעטְרָאפְן אוּן גֶעזֶען זַיין שִׁידוּךְ. אוּן אַזוֹי אִיךְ פְלֶעג אַמָאל לֶערְנֶען אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע טֶעג, אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן אַז דֶער פָּסוּק (דָנִיֵּאל ז', ט') "כָּ'רְסְיֵהּ שְׁ'בִיבִין דִ'י נ'וּר" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "שַׁדְכָן", אַז דוּרְךְ דֶעם בֶּענְקְל וֶוערְן שִׁידוּכִים, אוּן אוֹיךְ דָאס וָוארְט "כָּרְסְיֵהּ" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן "רֹ'אשׁ הַ'שָּׁנָה, יוֹ'ם כִּ'פּוּרִים, ס'וּכּוֹת", אוּן דֶערִיבֶּער אִיז אוּם שְׁמִינִי עֲצֶרֶת דִי "זִוּוּגָא דְמַטְרוֹנִיתָא" (זוֹהַר וַיִּקְרָא צ"ו:).

"אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט, וָואס וֶועט זַיין מַיין פַּרְנָסָה?, הָאט מֶען מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אִיךְ וֶועל זַיין אַ שַׁדְכָן. אוּן דָאס פֵייעֶר הָאט מִיר אַרוּמְגֶענוּמֶען. וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה, וַוייל עֶס אִיז אַ יוֹם טוֹב אִין אַ טָאג וֶוען דִי לְבָנָה אִיז פַארְדֶעקְט, וָואס אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען אוֹיף אִים אַ כַּפָּרָה אוּם אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה (חוּלִין ס:).

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען פֶּסַח'דִיג?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט, אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס מֶען דַארְף יָא טוּן אוּן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט טוּן.

שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיינֶע לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, זֵיי קֶענֶען בָּרוּךְ ה' אָנְקוּמֶען אִיבֶּעראַל אִין הוֹיז, אוּן זֵיי טְרָאגְן אַרוּם עֶסְן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע הוֹיז, אוּן עֶס הָאט מִיר פְלוּצְלִינְג אָנְגֶעכַאפְּט אַ דְרוּק אִין מֹחַ, וִוי אַזוֹי וֶועל קֶענֶען פֶּסַח'דִיג מַאכְן דִי הוֹיז? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין הַיינְט נִישְׁט אַזוֹיפִיל הִילְף פוּן רוֹימֶערְקֶעס וִוי אַמָאל, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ דָאס אַלֶעס אַלֵיין בַּאוַוייזְן? אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ וִוי אַזוֹי אַנְדֶערֶע מַאמֶעס מִיט קִינְדֶער טוּעֶן דָאס.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן אוֹיסְקְלָארְן וִוי אַזוֹי אוּן ווִיפִיל דַארְף מֶען פֶּסַח'דִיג מַאכְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ב אָדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת הָעִנְיָן פוּן אוֹיסְרוֹימֶען דִי חָמֵץ אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח - אִיז דִי אַרְבֶּעט גְרִינְג אוּן גֶעשְׁמַאק. הַיינְט אִיז גְרִינְגֶער צוּ פֶּסַח'דִיג מַאכְן וִוי אַמָאל, הַיינְט הָאט יֶעדֶער בַּאזוּנְדֶערֶע פֶּסַח'דִיגֶע כֵּלִים, מֶען פַארְקוֹיפְט אַלֶע חָמֵץ'דִיגֶע כֵּלִים אוּן מֶען הָאט נֵייעֶ פֶּסַח'דִיגֶע כֵּלִים, מֶען דַארְף נָאר אוֹיסְרֵיינִיגְן דִי שְׁטוּבּ אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי חָמֵץ, מֶען כַּשְׁר'ט דִי קַאוּנְטֶערְס מִיט דִי סִינְק אוּן מֶען דֶעקְט זֵיי אִיבֶּער מִיט זִילְבֶּער פַּאפִּיר וְכַדוֹמֶה - אוּן עֶס אִיז פֶּסַח.

גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבְּט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע פֶּסַח מַאכְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבְּט אִיבֶּער אַלֶע טֶעג פוּן עֶרֶב פֶּסַח פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן זִיךְ יֶעדְן טָאג אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט אַ שַׁבָּת אוּן אַ יוֹם טוֹב דַארְף מֶען זִיךְ פוּן פְרִישׁ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב), עֶר פִירְט זִיךְ אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף - גֶעבְּט עֶר זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גֶעבְּט אִיבֶּער אַלֶע מַחְשָׁבוֹת, דִיבּוּרִים אוּן מַעֲשִׂים פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי, אַזוֹי דַארְף מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן נָאכְדֶעם: 'הָאבּ אִיךְ גוּט גֶעטוּן? הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט טוּן אַנְדֶערְשׁ?' וַוייל אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זִיכֶער אַלֶעס גוּט, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי בִּין אִיךְ רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ פוּנֶעם שַׁבָּת אוּן פוּנֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן אִיבֶּערְקְלֶערְן צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי תשפ"ו)

שְׁפֶּעטֶער, אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה (זֶע וַוייטֶער אִין סִימָן תת"א), וָואס דָארְט אִיז מְרוּמָז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן דֶעם בֶּענְקֶל, מִיט דִי שָׁרְשֵׁי נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה. דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע פַארְהוֹילֶענֶע זַאךְ, פַארְשְׁלָאסְן מִיט טוֹיזְנְט שְׁלֶעסֶער.

נָאכְ'ן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיר קֶענְט זָאגְן תּוֹרָה אוֹיף דֶעם, פַאר אֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעשְׁרִיגְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אִיר דַארְפְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן אוֹיבּ זֶענְט אִיר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר מִיט אַייךְ", דָאס הֵייסְט אַז מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פַארְזִיכְן פוּן אַזֶעלְכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א

# סימן טוב ומזל טוב

**מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צום געבורט פון אן אייניקל**
**למזל טוב, א אינגל, ביי זיין זון**

מו"ה **שלמה רוטה** שליט"א

חתן מו"ה **יואל טייטלבוים** שליט"א

**גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב, עצי תמרים בקרית יואל**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת; דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שמואל אייזיק פערל** הי"ו טבריה
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **עזרא בוים** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **שמעון אביש** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **נחמן שמואל יאקאבאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור **חיים מאיר יאקאבאוויטש** הי"ו

***

מו"ה **אברהם אלי' פרידריך** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון נחמן נתן נ"י למזל טוב**

***

מו"ה **מרדכי לעווינסאן** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב**
החתן **אברהם יהודה** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יוחנן שור** הי"ו ירושלים עיה"ק

***

מו"ה **דוד גאטליעב** הי"ו בית שמש
**צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב**
החתן **יעקב גאטליעב** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **חיים עקשטיין** הי"ו הר שמואל

# נייער גליון "בחור'ל" ערשינען

א פרישע אור איז אראפגעקומען אויף דער וועלט פון בחורים, מיט'ן ערשיינונג פונעם גליון "בחור'ל", וואס דער נאמען אליינס זאגט שוין אלעס: א גליון געווידמעט פאר בחורים, און זייערע שאלות און נסיונות.

די וואך האלט מען שוין ביים פערטן גליון, אנגעפילט מיט הערליכע תוכן ספעציעל צוגעפאסט פאר בחורים, בריוו פון הדרכה, ענטפערס אויף שאלות וואס מאכן זיך ביי בחורים, חיזוק און הדרכה וויאזוי אויסצונוצן די וויכטיגע תקופה אין לעבן. אלעס ווערט צוגעגרייט שיין, געשמאק און מסודר, אז עס זאל רעדן צום הארץ.

דער הייליגער רבי איז אן אור וואס דער אויבערשטער האט אראפגעשיקט מיט איבער צוויי הונדערט יאר צוריק, וואס רעדט אבער נאך ביז צום היינטיגן טאג צו יעדן איד באשר הוא שם, זאל עס זיין דער גרויסער בעל מדריגה וואס לעבט פיר און צוואנציג שעה מיט'ן אויבערשטן, וועיזט אים דער הייליגער רבי ווי אזוי ער קען ווערן נאך מער העכער, נאך מער נענטער צום אייבערשטן, ער זאל נישט פארגעסן וואס דער עיקר ציל איז, ער זאל נישט דינען זיך אדער זיינע ארומיגע, ער זאל אויסנוצן זיינע כחות און טאלאנטן צו דינען דעם אויבערשטן, און אין די זעלבע צייט האט דער רבי א שפראך צו איינעם וואס שפירט זיך דערנידערט, ער שפירט נישט ווי ער האט א פלאץ אויף דער וועלט, ער ווייסט נישט פארוואס ער שטייט אויף און פארוואס ער גייט שלאפן. דער רבי וועיזט אים אויף אז דער אויבערשטער דארף אים, טאקע אזוי ווי ער זעט אויס. לייג תפילין, היט שבת, רעד א ווארט צום אויבערשטן, לערן א פרק משניות, וועסט זען ווי דו וועסט זיך שפירן א נייע מענטש, וועסט שוין וויסן וואס דו זוכסט אויף דער וועלט.

מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן אז זיין עיקר שליחות איז מחזק זיין בחורים, ווייל קיינער פארשטייט נישט די נסיונות וואס א בחור גייט דורך. מען קען אים גרינג אוועקמאכן: "זעץ דיך לערנען און דריי נישט קיין קאפ". אבער א בחור דארף א גוט ווארט, איינער וואס זאל אים פארשטיין און אים ווייזן די וועג וויאזוי צו נוצן זיינע כחות אין די טייערע יארן, אז זיי זאלן אים אויפבויען און צוגרייטן צו לעבן אויף א געזונטע און ערליכע וועג.

דער ראש ישיבה שליט"א גייט ווייטער אויף דעם וועג. ער געבט זיך אינגאנצן אוועק פאר די טייערע בחורים, ער בויט זיי אויף און געבט זיי קלארע עצות אין יעדן פרט. די רעזולטאטן רעדן אליין, טויזנטער תלמידים לעבן היינט א לעבן פון ישוב הדעת און אמונה, טייל האבן געלערנט אין ישיבה בפועל, אנדערע האבן געלעבט דערמיט פון דערווייטנס דורך לערנען די בריוו און הערן שיעורים. היינט זענען זיי טאטעס, בעלי בתים, מלמדים אדער ארבעטער, אבער ווי אזוי עס זאל נישט זיין, לעבן זיי א לעבן מיט'ן אויבערשטן, שמחת המצוות, שיעורים קבועים, און א ריינע און קלארע אמונה.

דאס איז דער ציל פונעם נייעם גליון "בחור'ל", צו ברענגען די ליכטיגע עצות און הדרכה צו יעדן בחור, וואו נאר ער געפינט זיך. לאקאל אדער אויסלאנד, אין ישיבה אדער אינדערהיים, יעדער בחור קען עפענען דעם גליון און געפינען דארט א ווארט וואס רעדט צו אים פערזענליך.

דערפאר איז אונז א גרויסע שמחה מיטצוטיילן איבער דעם ערשיינונג פונעם נייעם גליון וואס וועט זיכער מזכה זיין נאך אסאך אידן מיט תורה, אמונה, חיזוק, מידות טובות און שמחת המצוות.


## ספר המדות

ספר המדות הערליך דערציילט פאר קינדער באגלייט מיט שיינע געשמאקע מעשיות

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 5, 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**